בחצרות
# סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ב' פ' פנחס | י' תמוז | תשע"א | פסחים: ע"ד.

# באריכט:

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור א' ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר גרשון מענדל אינדיג הי"ו פון וויליאמסבורג, פאר'ן דאווענען איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' מרדכי סטרולאוויטש הי"ו פון קרית יואל.

## בקודש פנימה

היינט אויפדערנאכט האט האדמו"ר מ'סאסוב מאנסי שליט"א באזוכט ביי מרן רבינו שליט"א בביתו נאוה קודש אין קרית יואל ווי עס איז פארמירט געווארן א שיינער שמועס.

## לעצטע הכנות צו די גרויסטאַרטיגע שמחה בחצרות קדשינו

אצינד ווערן געמאכט די לעצטע פארברייטונגען צו די גרויסארטיגע שמחת החתונה בחצרות קדשינו ווי עס וועלן אי"ה גיין אונטער די חופה די אור-אייניקלער פון מרן רביה"ק זי"ע – אייניקליך פון הגה"צ גאב"ד דקהלתינו בארא פארק שליט"א, וועלכע'ס קומט אי"ה פאהר דעם מיטוואך נאכט הבעל"ט בבית מדרשינו הגדול אין בארא פארק.

די עסקנים ארבעטן אצינד אויס די לעצטע פרטים פון די גאנצע סדר החתונה, און ארבעטן אויס די לעצטע פלענער צו די גרויסארטיגע שמחה, אנגעהויבן פון מעמד קבלת פנים, די מעמד החופה, סעודת החתונה, ריקודין און מצוה טאנץ.

די חתונה אנטשפרעכט - ווי געוועונטליך – צו זיין אויף די גאהר פונקטליכע זמנים, ווי מרן רבינו שליט"א אינאיינעם מיט די חתן און מחותנים און זיידע'ס שליט"א וועלן אי"ה ערשיינען צום מעמד קבלת פנים אום 5:30 פונקטליך, אין היכל בית חי' בביהמ"ד הגדול.

*-סימן טוב ומזל טוב-*

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.